# ער און זי
## פֿישל ליבערמאַן

זײַט דעמאָלט, אַלע יאָרן ווען דער האַרבסט קומט, בלאָזט ער אין מיר אַרײַן טויט און אימה. ער טרײַבט מיך אַרויס פֿון דער שטוב. כ׳גיי אָן אַ ציל, אין מחשבֿות פֿאַרזונקען. צווישן נאַקעטע ביימער — אויסגעדאַרטע גופֿים. אויף אויסגעקרימטע צווײַגן הענגען נאָך איין און איינציקע, פֿאַרוועלקטע בלעטער. אויך זייער סוף קומט אין גיכן. זיי פֿאַלן אַרונטער טויט צו דער ערד, ווי דענסטמאָל.

די טויטע בלעטער רעשן אונטער מײַנע פֿיס; זיי צעשרײַען זיך, רופֿן נאָך הילף. דער ווינט טרײַבט די בלעטער אַלץ ווײַטער און ווײַטער אַוועק מיט געהילך און געלעכטער — ווי די צעפֿליישטע לײַבער אינעם מאַסנגרוב. איך לויף גאַנץ שנעל אַוועק. די דערשטיקנדיקע קולות עקבערן אין מײַן מוח. אַ שטויביקער ווינט טרײַבט מיך — לויף איך מיט מיט די בלעטער. אויף אַ באַנק בלײַב איך ליגן.

פֿון דער ווײַטנס הערט מען תּפֿילה-לידער. „אָמן", ענטפֿערן הונדערטער קולות. דאָס מעלאַנכאָלישע בעטן — ווי אַ יזכור-תּפֿילה — דערנענטערט זיך צו מיר. כ׳דערזיי אַ קליין שוואַרצע טאָוול וואָס הענגט בײַ דער אָפֿענער טיר: „גריכיש-קאַטוילישע קירכע, צום הייליקן גרעגאָריִאַנוס".

די באַנק שטייט בײַ אַ דיקן בוים. דער ווינט בייגט אַרונטער די אָפּגעדאַרטע צווײַגלעך. זיי ברעכן אָפּ; מיט געליאַרעם פֿאַלן זיי אַרונטער...כ׳דערשרעק, ס׳זײַנען אָפּגעשטאָרבענע מענטשן-אבֿרים.

דער קלויסטער איז פֿול געפּאַקט מיט מענטשן. אויך אַ סך קינדער. כ׳דערהער די תּפֿילות. גלאָקן קלינגען וואָס אַ מאָל שטאַרקער. כּסדר אַלץ מער גלאָקן. אויך רוימיש-קאַטוילישער גלאָקנקלאַנג. פֿונעם קלויסטער הילכט אַרויס דאָס בעטן צו גאָט אויף שלום ושלווה אויף דער וועלט. „אָמן", ענטפֿערן הונדערטער קולות.

דעמאָלט איז אויכעט געווען זונטיק. אַלע האָבן זיי צום זעלבן גאָט געבעטן. און ווער האָט געפּײַניקט? ווער האָט געטייטעט? ווער האָט מײַן קינד און מוטער — צווישן די טויזנטער אַנדערע — דערשטיקט?

אַ שטאַרקער ווינט בושעוועט. ער טרײַבט צוזאַמען די בלעטער אין גרויסע קופּעס מיט אַ פֿײַפֿערײַ און געשפּעט. שטיקער צווײַגן קײַקלען זיך דאָרטן. איך אויך. דענסטמאָל — אין דעם גרויען זונטיק — נישט קיין בלעטער נאָר מענטשן ווערן געיאָגט, געטריבן פֿון די הײַזער, אַרונטערגעוואָרפֿן פֿון די פֿענצטער. זיי בלײַבן ליגן, פֿאַרדאַרט, צווישן די פֿאַרוועלקטע בלעטער... די ווענט — בלוטיק... ס׳איז כמורנע, קאַלט. איך ציטער.

די מענטשן גייען אַרויס פֿון געבעטהויז מיט ערנסט, פֿרומע פּנימער. „ליב יעדן מענטשן!" שאַלט עס אַרויס פֿונעם געבעטהויז. ס׳זײַנען די זעלבע מענטשן און דער זעלבער גאָט פֿון דעמאָלט. איך ווער געטריבן, געשטויסן, צוזאַמען מיט די בלעטער. די טויטע בלעטער האָבן קיין רו ביז די אופּרוימונגס-קאָמאַנדע קומט און שמײַסט זיי אַרויף אויף וועגענער — צום פֿאַרברענען? וווהין? און איך?

דער הונט קומט צו לויפֿן. ער האַווקעט שטאַרק. איך דערשרעק. „איבס, רויק!" רופֿט ער — אַ הויכער, מאָגערער מאַן מיט גרויע האָר, דער זעלבער פֿון אַמאָל. דער זעלבער וואָלפֿהונט איבס האָט געריסן שטיקער פֿלייש פֿון מײַן לײַב. אָדער איז ער אַ זון, אַן אייניקל פֿון דעם גרויסן איבס? כ׳וויל שרײַען געוואַלד! כ׳קען נישט... דאָס הינטישע פּנים, די ציין, דער מאַן דערמאָנט מיך.

„גריס גאָט!" זאָגט דער מאַן, צוקומענדיק נאָענט צו מיר. „זעען זי, ער איז גוטמוטיק, ער באַלעקט זי."

„יאָ, אָבער דער נאָמען דערשרעקט מיך שטאַרק. זײַן קאָפּ — דער זעלבער."

„האָבן זי נאָך גאָרנישט פֿאַרגעסן? זעען זי ווי ליב ער איז, דער גוטער איבס."

„האָבן זי דען פֿאַרגעסן?" פֿרעג איך. „זי ווילן עס, אָבער זי קענען עס נישט?" כ׳וויל דעם הונט אַוועקשטופּן, כ׳קען די

העגט נישט רירן. ער נעמט דעם הונט אַוועק פֿון מיר און ער זאָגט:

״ס׳איז אמת, איך וויל פֿאַרגעסן, אָבער ׳זי׳ דערמאָנט מיך שטענדיק. ס׳איז שוין אַריבער דרײַסיק יאָר, האָב איך פֿאָרט קיין רו. צום ערגסטן, איז עס אין האַרבסט — ׳זי׳ ווערט אומרויִק.״

״אַך, יאָ, דער האַרבסט איז גרויליק, מוראדיק. אָבער, ווער איז זי?״

״נו יאָ: ׳זי׳ איז עס. קומט צו מיר הײַנט אויף דער נאַכט: ׳זי׳ וועט זיך דערפֿרייען אײַך ווידער צו זען.״

״פֿאַר וואָס זאָל איך קומען גלאַט אַזוי? איך קען ׳זי׳ נישט.״

״דאָך קומט צו איר! איך קיין אײַך אויכעט נאָך פֿון דעמאָלט.״

״מיך? איר האָט אַ טעות. איר פֿאַרבײַט מיך מיט אַן אַנדערן. דעמאָלט האָבן מיר אַלע דאָס זעלבע פּנים געהאַט: געל, גרין, אײַנגעדאַרט — לעבעדיקע מתים — אוי, קוקט! דאָרט, אהאַ!...״

״פֿאָרט, זײַט איר עס. איר האָט געזוכט, געליאַרעמט, זיך נאָכגעפֿרעגט, וועגן אַ פֿרוי, וועגן אַ קינד, כ׳געדענק נישט דעם נאָמען גענוי.״

״יאָ, ס׳איז ריכטיק. עס איז געווען אַ טאָג כמעט ווי הײַנט: זון, וואָלקן, ווינטיק. יאָ, יאָ, זייער טרויעריק.״

״ניין! ס׳איז געווען בײַ נאַכט — פֿינצטער, קאַלט...״

״נאַכט? און איר, זענט איר דאָרטן געווען? ווי אַזוי דען?״

״אין דרויסן בין איך געשטאַנען. בײַם פֿאַרריגלטן טויער. איך האָב געהיטן אַז פֿרעמדע זאָלן נישט אַרײַנלויפֿן — זיי זײַנען געבליבן —״

״וואָס רעדט איר? ׳פֿרעמדע׳?...וויפֿל זײַנען בײַ דער וואַנט געשטאַנען?...זײַנען אַלע טויט געווען? איז ׳זי׳ אויך דאָרט געווען? וואָס רעד איך? טויזנטער מענטשן פֿרעגן ס׳זעלבע.״

״איר רעדט גלײַך ווי ׳זי׳, אָבער זעלטן...שטענדיק שווײַגט זי. איר קומט דאָך אוף גאַנץ זיכער צו מיר. ׳זי׳ וועט זײַן אויסער זיך פֿון פֿרייד אײַך ווידער אַ מאָל צו זען.״

חשדימדיק פֿרעג איך: ״ווער זענט איר?״

ער איז נישטאָ. דער הונט אויך נישט.

דאָס געבעטהויז איז ליידיק, שטאָק שטיל. די טירן שטייען אָפֿן. עס ברענען לאַנגע, דינע ליכט, טיילווײַז פֿון דער היץ צעקרימט. די פֿלאַמען בייגן זיך צו גאָטס מוטער צו און ווידער אַ מאָל צו דער טיר. ס׳זעצט אַרויס אַ וואַרעם, עיפּושער ריח: שוויס פֿון לײַבער אויסגעמישט מיטן ריח פֿון ווײַרעך און אָפּגעברענטע ליכט. נישט ווײַט אַוועק — בײַ דער פֿאַרקויף-בודקע — שטייען די פֿרומע מענטשן. זיי זײַנען גאַנץ צוזאַמענגעפּרעסט. מע זעט נאָר קעפּ, הענט. זיי רײַסן שטיקער פֿלייש פֿון אַ בהמה — אָדער?... כ׳קען נישט דערקענען. זיי עסן זייער זשעדנע, ס׳בלוט רינט אַרונטער. ס׳מיגלט מיך. כ׳וויל אַוועק, איך קען מיך נישט רירן פֿונעם אָרט. אין דער מענטשן-מאַסע ווער איך צעקוועטשט. כ׳דערשרעק — דער דעמאָלטיקער ריח פֿונעם בלוט...כ׳לויף ווײַט אַוועק.

אינעם שטאָטפּאַרק זעצט איך מיך אַנידער אויף אַ שטיין לעבן דער אָזערע. פֿאַרכוילעמט, קוק איך אין וואַסער אַרײַן.

אַ מעכטיקער ווינט טרײַבט דאָס וואַסער. פּלעדליי כוואַליעס קומען אָן: קליינע, גרויסע, קײַלעכדיקע, ספּרוזשענע. זיי באַוועגן זיך ריטמיש: פֿלאַך, לענגלעך, אין דער טיף. אויך ברייטע כוואַליעס ציִען פֿאַרבײַ און ווערן פֿאַרשווונדן ווײַט אַוועק. די אויסגעקרימטע ביימער אַרום דער אָזערע שפּיגלען זיך אינעם וואַסער. זיי טאַנצן, וואַקלען, און נאָך מער, צעקרימען זיי זיך: צו לאַנגע ספּרוזשענע, גאַנץ ברייטע רעדער. זיי לאַכן, וויינען, און פֿאַרשווינדן אינעם אָפּגרונט. אַ מחנה ווילדע קאַטשקעס שווימען פֿאַרבײַ. זיי שטעקן די שנאָבלען טיף אינעם וואַסער אַרײַן. אינעם וואַסער צעקרימט זיך אויך מײַן פּנים. אָוואַ! כ׳בין אַ צעהאַקטער בוים מיט לאַנגע, דינע וואָרצלען, ערדגרודעס — אויך די זון לויפֿט אַדורך אינעם וואַסער אויף אַ רגע און ווערט נעלם אונטער די וואָלקנס. כ׳זיץ, כ׳קוק, ס׳פֿינצטערט — די קאַטשקעס פֿליִען אַרויס פֿונעם וואַסער, זעצטן זיך אויף די ביימער, זיי מאַכן נאַכט.

כ׳בלײַב פֿאַרטראַכט. דער קאָפּ אַרונטערגעבויגן — אינעם וואַסער די חושכדיקע נאַכט...הונגעריק, מיט צעשפּאָלטענע, בלוטיקע הענט שלעפּט זיך די מחנה — אַרײַן, אַרײַן! דאָס טויער ווערט צוגעריגלט. אַ קלאַפּערײַ אינעם טויער. דאָס קלאַפּן ווערט פֿון מאָל צו מאָל שטאַרקער. אַ שטופּעניש בײַם טויער. הייזעריקע קולות שרײַען, קעפּ שטויסן אינעם טויער: ״לאָז מיך...! איך וויל אַרײַן...!״ איך רײַס בײַם טויער — מײַנע הענט פֿאַלן אַרונטער. אָן די ווענט הילכט אָפּ, אַווידערקאָל מיט הימל-געשרייען: ״...העלפֿט, ראַטעוועט!!!״ פֿאַרמישט מיט אַ געקנאַלערײַ פֿון קוילן...ס׳טויער וואַקלט. איך הייב מיך אויף, כ׳וואַרף מיך אינעם טויער, כ׳וויל עס אופֿברעכן; ס׳טויער צעקרימט זיך. איך פֿאַל אַראָפּ...ס׳ווערט שטיל, נאָך שטילער, נאַכטשטילקייט...די לעמפּ פֿאַרלאָשן. איך שלאָף.

עס איז נאָך נישט טאָג. די גלאָקן קלינגען. צו תּפֿילה? דער מעפּיסטאָ שטויסט די גלאָקן. ער טרײַבט אַרויס די מתים...די שאָטנס באַוועגן זיך. זיי לויפֿן גיך, קלאַפּערן מיט די טרעפּערס אויף די קאַלטע שטיינער, איך לויף אויך.

הענדום-פּענדום זאַמלט מען זיך צו פֿינעף אין אַ ריי. ס׳טויער אופֿגעריגלט. מע שלעפּט זיך אַרויס. אין דרויסן ליגן די ״אומגעלייגטע״ — אומפּעיִקע צו אַרבעט —, קופּעס מיט מתים. בלוט גליווערט. די ״אופֿרומונגס-קאָמאַנדע״ איז נאָך נישט דאָ. כ׳שטרעק אויס מײַנע הענט, כ׳וויל אָהינגרייכן צו די מתים, זען: ווער? זי?...די מתים-קופּע דערווײַטערט זיך, ווײַטער און נאָך ווײַטער. לויפֿן, שרײַען: זיי זאָלן וואַרטן! — כ׳קען נישט. פֿינצטער. גאָרנישט איז דאָ...

זי איז אַוועק מיטן קינד... וווהין? צום פֿאַרברענען? בײַם טויטנמאַרש, צו דער גאַזקאַמער? אָדער בײַם טויטנטאַנץ אויפֿן בית-הקוואָרעס?! מיט מאַטערניש רײַס איך אויף מײַנע אויגן.

״...זע! אַרום אַרום דעם טויטנגרוב טאַנצן נאַקעטע מתים מיט די שדים דעם שדים-טאַנץ. נאָך איידער די נאַכט גייט אַוועק, פֿאַלן זיי אַרײַן אינעם גרוב...״ כ׳ליִאַרעמע, כ׳גוואַלדעווע, כ׳וויל אויך צו זיי! ס׳איז נאַכט, שטיל. ... נאָר ערד און אַ גרויסער מאַסן-קבֿר. דער קבֿר וואַקלט, די ערד פּלאַצט אויף. זיי ווילן צוריק אַרויס, זיי האָבן קיין כּוח. האָבן זיי די ערד אַליין איבער זיך געשיט? איך ווייס עס נישט.

״זי״ האָב איך נישט געזען. ס׳קינד אויך נישט. איך לויף ווײַטער אין אײַלעניש, איך זוך...אין דער גאַזקאַמער בין איך צו שפּעט. שוין נאָך אַלעמען. די אָרדנונג, פּינקטלעכקייט, דאָמינירן — ס׳פֿאַלן נאָר אַרויס צוזאַמענגעקלעפּטע שטיקער פֿלייש: אָפּטמאָל קלעפּט אין מיטן דערינען אַן אויג, אַ שטיק ברוסט, זעלטן ווען: גאָלדענע ציין. זײַנען דאָס געווען מענטשלעכע באַשעפֿענישן? כ׳ווייס נישט. אַזוינע ברואים האָב איך נאָך נישט געזען.

אַ געשריי הילכט אָפּ: ״ווײַטער, ווײַטער גיין!״ כ׳קען נישט. פֿאַר מיר אַ הויכע וואַנט. כ׳זוך אַ טיר. כ׳גיי און גיי, אומעטום ווענט. די ווענט צעקוועטשן מיך. אָט דאָרטן זע איך אַ טיר. איך ווײַ צו נאָענט — נאָך אַ וואַנט. כ׳גיי ווײַטער, קיין אַרויסגאַנג. די ווענט...כ׳ווער צוגעדריקט.

דער הינט בילט. ״איבס, זיי רויִק!״

האָב איך אָבער אים גערופֿן?

״אַ-האַ!״ זאָגט ער. ״בלײַבט נישט שטייטן אין דער טיר. קומט אַרײַן!״

״צו וואָס דען?״ פֿרעג איך.

״פֿאַרגעסן?״ איר קומט דאָך צו ׳איר׳. אָבער יעצט שלאָפֿט ׳זי׳. עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט.״

״נישט מײַן עסק. כ׳קען ׳זי׳ לחלוטין נישט״, ענטפֿער איך צאָרנדיק.

״ניין? דאָך, דאָך. ׳זי׳ רעדט נאָר פֿון אײַך, ווען ׳זי׳ רעדט. מײנסטנס שווײַגט ׳זי׳. זי מיינט איר זײַט אויך אין הימל.״

כ׳וויל ווײַטער גיין. ער כאַפּט מיך אָן בײַם אַרבל און זאָגט: ״זעצט אײַך אָט דאָ, אין דעם ווינקל. ס׳איז שוין אַלץ צוגעגרייט.״

איך, צעטראָגן, זאָג צו אים: ״דערציילט פֿון ׳איר׳ זינט יענער צײַט.״

״אַוודאי. בלײַבט נאָר זיצן רויִק. צום אַלעם ערשטן, טרינקען מיר אַ גלעזל ווײַן. דעם האָט נאָך מײַנע פֿרוי אײַנגעקויפֿט נאָך איידער זי איז בײַ דער באָמבאַרדירונג דערהרגעט געוואָרן — צום גליק בין איך פּונקט דעמאָלט געווען בײַ דער ׳אַרבעט׳. דער ווײַן אינעם קעלער איז פֿאַרלוירן...״

ער רעדט גאַנץ שטיל. כ׳פֿאַרשטיי נישט אַלץ וואָס ער זאָגט. כ׳הער דעם ווײַן אַרײַנריזלען אין די גלעזער. דער ווײַל איז טונקל רויט — בלוט? כ׳וויל אַרויסלויפֿן, אַוועק. ער שטופּט מיך צוריק. כ׳בלײַב זיצן צעדרייט.

הייבנדיק דעם כּוס, זאָגט ער: ״פּראָסט, מײַן פֿרײַנד! טרינקען מיר צוזאַמען אַ גלעזל ווײַן. ווײַן מאַכט פֿאַרגעסן, אויך דאָס אַלץ וואָס מע קען נישט און מע וויל אויך נישט פֿאַרגעסן...זײַט דאָך רויִק! בלײַבט זיצן.״

און ער רעדט און רעדט ווײַטער:

״...יאָ, אין דער נאַכט זײַנען אַ סך פֿרויען געשטאַנען בײַ דער וואַנט...איך...״

״׳זי׳ אויך? און דאָס קינד?״ כ׳וויל הילכיק שרײַען, ליִאַרעמען. כ׳קען נישט. ער גיט מיר אַ גלעזל ווײַן און ער ענטפֿערט:

״ד׳ווייס עס נישט. אָבער ס׳זײַנען טיילווײַז געווען אויך מיט קידער אויף די הענט; וואָס ס׳איז ווײַטער געשען, ווייסט איר דאָך, איר האָט דאָך געהערט...יאָ, סע שטימט, אַלע זײַנען ׳אומגעלייגט׳ געוואָרן...״

״וואָס! ׳זי׳ אויך? איר האָט ׳זי׳ דערהרגעט?״

״ניין, איך האָב אירע אויפֿגעריסענע אויגן געזען און דאָס טומלדיק געשריי: ׳מײַן קינד! לעבן, לעבן!׳״

ער הערט אויף מיטן דאָס דערציילן. פֿאַרגאַפֿט קוקט ער אינעם גלאָז ווײַן אַרײַן און זאָגט:

״איצטער האָב איך צווייפֿל אויב זי האָט באמת געוואָלט ווײַטער לעבן. איך האָב ׳זי׳ אָפּגעראַטעוועט, ׳זי׳ אויסבאַהאַלטן, און דערפֿאַר מײַן לעבן אין אַ סכּנה געברענגט. טרינקען מיר נאָך אַ גלעזל, צום וווּיל!״ שרײַט ער אויס, צוזאַמענשטויסנדיק די גלעזער. מיר טרינקען און טרינקען איין גלאָז נאָכן אַנדערן. ער שאָקלט מיטן קאָפּ:

״ניין! כ׳ווייס עס נישט. כ׳האָב ס׳קינד נישט געזען....נעמט שוין נאָך אַ גלעזל, עס טוט גוט. און זײַט נישט אַזוי פֿאַראומערט! יאָ, יאָ, ס׳איז אמת, כ׳האָב אַ סך מענטשן ׳אומגעלייגט׳ ווי אַלע מײַנע חבֿרים. פֿאַרוואָס איך האָב זי געראַטעוועט? ווײַל אין דער דעמאָלטיקער נאַכט בין איך מיטן טויט גאַנץ פֿון דער נאָענט קאָנפֿראָנטירט געוואָרן. תּמיד האָב איך געשאָסן פֿון דער ווײַטנס — ווי נאָך פֿייגל. איך האָב נישט געזען ווי זיי לײדן, ווי זיי שטאַרבן. אָבער אין דער נאַכט האָב איך דערזען ווי גרויזאַם, מאָנסטעריש ס׳איז. האָב איך געשאָסן אין דער לופֿט — פּראָסט! טרינקען מיר נאָך אַ גלעזל ווײַן און נאָך...״

אַ סך פֿלאַשן ווײַן ווערן כּסדר אויסגעליידיקט. איך טרינק און טרינק. ער אויך. מײַן קאָפּ צערודערט. די שטוב דרייט זיך. כ׳בייג מיך אַרונטער. כ׳קוק אַרײַן אינעם אַמאָל. אינעם שטראָמיקן וואַסער שווימען פֿאַרבײַ אין מאַסן מענטשן-פּנימער — מײַנס, זײַנס — צעבויגענע, צעקרימטע, לאַכנדיקע, ווײנערישע. דער בוים — ׳זי׳. כ׳שווים אַהין צו איר. כ׳פֿאַל אַרויף אויף אים. ער טרייסלט מיך. איך וואַך אויף. ער קוקט מיך אָן, קוקט אין אַלע זײַטן. ראַפּטום קוקט ער אויף מיר נאָך אַ מאָל און ער שרײַט אויס: ״כ׳זע איצט דײַטלעך! איר זענט עס, אויף דער וואָר, פֿון וועמען ׳זי׳ רעדט תּמיד. אַ שאָד, וואָס ׳זי׳ קען זיך נישט מיט אײַך אַדורכשמועסן.״

״פֿאַר וואָס נישט? ווייסט ׳זי׳ אַז איך בין אין דער נאָענט פֿון איר?״

״יאָ! אויף זיכער. שטענדיק זאָגט ׳זי׳ עס מיר.״

״און?״ שפּרינג איך אויף. איך פֿאַל צוריק טויט שיכּור. כ׳הער קוים אים רעדן:

״ניין! ׳זי׳ וויל נישט ווידער איר איצטיקעס לעבן אומבײַטן. זי איז נישט ׳זי׳, זאָגט זי. און שוין פֿון אַ לאַנגער צײַט צוריק איז ׳זי׳ מיטן דעמאָלטיקן לעבן — פֿאַרשטאָרבן. נאָר אין דער פֿאַנטאַזיע עקזיסטירט נאָך יענע לעבן.״

כ׳וויל וואָס זאָגן. ער פֿרעגט: ״נאָך אַ גלעזל?״ האָב איך יאָ אָדער ניין געזאָגט? ער גיסט און גיסט. איך טרינק, ער טרינקט און ער רעדט, איך רעד. כ׳פֿאַרשטיי נישט וואָס ער זאָגט, ער אויך נישט. ער ווערט קלענער, טויט בלאַס. זײַן פּנים צעקרימט זיך, די ליפּן וואַקלען. ער פֿאַלט אַרײַן אינעם וואַסער. כ׳וויל אים אַרויסהייבן, שטרעק איך די הענט אויס — איך טאַפּ אַ קאַלטע וואַנט.

כ׳הער געשרייען... ׳זי׳ שטייט אין דרויסן. איך לויף געשווינד: ׳זי׳ רופֿט מיך. מיר איז קאַלט. אומעטום ווענט.

כ׳קוק, כ׳לויף, כ׳ווייס נישט וווהין. אַה, אָה! אַ טיפֿעניש אָן אַ סוף. כ׳דערזע די טיר פֿון ׳איר׳, פֿון איר חדר, זײַן פּנים, איר פּנים! ס׳איז אַ וואַסער מיט אויסגעקרימטע פּנימער: מײַנס, זײַנס, אירס. ביימער, הײַזער — צעבראָכן, צעשווומען. אַ בוים דערנענטערט זיך: ׳זי׳ איז עס. ׳זי׳ רעדט. איך הער נישט. כ׳שפּרייט אויס מײַנע הענט צו איר. ׳זי׳ דערווײַטערט זיך. איך שרײַ. מע הערט גאָרנישט. כ׳באַמי זיך מײַן מויל אופֿצורײַסן. ס׳איז טאָטאַל שטיל. מײַן קאָפּ פֿאַלט אינעם וואַסער אַרײַן. ער רײַסט מײַן קאָפּ הויך.

״היי, דו!״ וועקט מיך אַ פּאָליציִאַנט. ״שלאָפֿט נישט דאָ, מאַרש אַהיים!״

און ער שלעפּט מיך אַרונטער פֿון דער באַנק. נאָך אין גאַנצן צערודערט קוק איך אויף אים און גיי ווײַטער.